# אוצר השבת

ארויסגעגעבן פון
ספר אוצר השבת
ע"י הרה"ג
ר' דוד דוב מייזליש שליט"א

## פרשת לך לך

## קדושת שבת

### שַׁבָּת גייט מען צו צַדִּיקִים

**דער** מִנְהָג אִין אַלֶע דוֹרוֹת איז געווען, אַז אויף שַׁבָּת איז מען געגאנגען צו צַדִּיקִים. אַ מְקוֹר דערויף שטייט אִין רַמְבַּ"ן און אויך אִין אֶבֶן עֶזְרָא, אַז דאס וואס דער פָּסוּק זאגט זָכוֹר אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת לְקַדְּשׁוֹ - אַז מִיר זאלן געדענקן דעם שַׁבָּת איר צו הייליגן, מיינט, אַז מען זאל זיך שַׁבָּת באהעפטן אִין הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ דורך לערנען תּוֹרָה, דעריבער זאל מען גיין צו דִי נְבִיאִים און דִי חֲכָמִים הערן דִי רייד פון הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא.

**נָאךְ** אַ טַעַם שטייט, ווייל דער מדרש [רבה פ' י"א סי' ב'] זאגט בֵּרְכוֹ בְּאוֹר פָּנָיו שֶׁל אָדָם, קִדְּשׁוֹ בְּאוֹר פָּנָיו שֶׁל אָדָם - הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ האָט געבענטשט דעם שַׁבָּת מִיט דעם ליכטיגקייט פון דעם מענטש'ס פָּנִים, און עֶר האָט געהייליגט דעם שַׁבָּת מִיט דִי ליכטיגקייט פון דעם מענטש'ס פָּנִים. עס איז נישט גלייך דִי ליכטיגקייט פון דעם מענטש'ס פָּנִים פון אַ גאנצע וואָך צו דִי ליכטיגקייט פון זיין פָּנִים שַׁבָּת, דער פָּנִים פון דִי אידן שַׁבָּת זעהט אויס מער ליכטיגער און הייליגער פון אַ גאנצע וואָך.

**דִי** סְפָרִים ברענגן אַז וויבאלד דער פָּנִים פון דעם מענטש איז באשאפן געווארן מִיט אַ צֶלֶם אֱלֹקִים, דערפאר דערקענט זיך שַׁבָּת מער דאס ליכטיגקייט אויפ'ן פָּנִים. און וויבאלד דאס ליכטיגקייט פון דִי צַדִּיקִים לייכטן זייער שטארק אום שַׁבָּת, ווִי דאס איז באקאנט בַּיי דִי גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים פון אונזער דוֹר אַז זייער פָּנִים לייכט גאר שטארק אום שַׁבָּת, דעריבער איז גלייך אַז מען זאל גיין צו דִי צַדִּיקִים אויף שַׁבָּת. הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ זאל אונז העלפן אַז מִיר זאלן אויך זוֹכֶה זיין דערצו. **טהרת ישראל בקונטרס שער הטהרה אות כ"ד**

**נָאךְ** אַ טַעַם קען מען זאגן, וויבאלד דִי עִנְיָן פון דאס גרויסקייט און הייליגקייט פון שַׁבָּת שטייט נאר אִין דִי תּוֹרָה בְּרֶמֶז, ווִי דִי גְּמָרָא זאגט [חגיגה י' ע"א], אַז דאס עִנְיָן פון שַׁבָּת איז גלייך צו הויכע בערג וואס הענגן אויף אַ האָר, ווייל רוֹב דִּינֵי שַׁבָּת לערנען דִי חֲזַ"ל ארויס נאָר פון אַ רֶמֶז אִין דִי תּוֹרָה, דעריבער איז דאס עִנְיָן פון שַׁבָּת ווִי תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה. און וויבאלד עס שטייט נישט בְּפֵירוּשׁ וואס עס מיינט אַ שׁוֹמֵר שַׁבָּת און וואס מען פארלאנגט פון אונז צו טוהן אום שַׁבָּת, דעריבער מוז אַ יעדער אִיד דאס מְקַבֵּל זיין פון זיין רַבִּי'ן. און וויבאלד דִי עִנְיָנִים פון שַׁבָּת זענען זייער הויך איז יעדער אִיד מְקַבֵּל פון זיין רַבִּי'ן עטליכע פונקטן לויט זיין שׁוֹרֶשׁ נְשָׁמָה וואס דאס מיינט שַׁבָּת פאר זיין נְשָׁמָה יְתֵירָה. דעריבער קען נישט יעדער איינער מְקַבֵּל זיין דאס זעלבע צו טוהן אום שַׁבָּת, דערפאר דארף יעדער אַלֵיין גיין צו אַ צַדִּיק זיין רַבִּי'ן, כְּדֵי עֶר זאל מְקַבֵּל זיין לויט זיין אייגענעם שׁוֹרֶשׁ נְשָׁמָה, און עֶר זאל וויסן וואס עֶר האָט צו טוהן אום שַׁבָּת כְּדֵי עֶר זאל קענען ווערן באהאפטן צו הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, אַז עֶר זאל זוֹכֶה זיין צו טוהן דעם רָצוֹן פון הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אום שַׁבָּת.

**זקני חסידים**

### מוֹרָא הָאָבֶן פון שַׁבָּת

**שטייט** אִין סֵפֶר יְרֵאִים, אַז עס איז אַ מִצְוָה מִן הַתּוֹרָה מוֹרָא צו הָאָבֶן פון שַׁבָּת. וויבאלד עס שטייט אִין פָּסוּק אֶת שַׁבְּתוֹתַי תִּשְׁמוֹרוּ וּמִקְדָּשִׁי תִּירָאוּ. דָּרְשׁ'נט מען, אַז דאס וָואָרְט תִּירָאוּ גייט ארויף אויף ביידע, סיי אַז מען זאל מוֹרָא הָאָבֶן פון בֵּית הַמִּקְדָּשׁ און סיי פון דעם הייליגן שַׁבָּת.

**יראים יבמות ו**

**דִי** תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה הייבט זיך מִיט דאס וָואָרְט בְּרֵאשִׁית, דאס וָואָרְט בְּרֵאשִׁית מאכט: יָרֵא שַׁבָּת - האָב מוֹרָא פונעם שַׁבָּת [תקוני זוהר ה' ע"ב], פון ווען דארף מען מוֹרָא הָאָבֶן פון שַׁבָּת, זאגט דער

# סדר קריאת התורה

פָּסוּק בְּרֵאשִׁית שׁוין פון אנפאנג וואָך, האָב מוֹרָא צוּ טוהן עֲבֵירוֹת, וֵוייל וואס וועסטו טוהן אַז דער שַׁבָּת וועט אנקומען און דוּ וועסט דיך חָלִילָה דארפן שעמען פאר איר.

**הרה"ק רבי מרדכי מטשערנאביל זי"ע**

**זעהט** ווִי שטארק מִיר דארפן מְכַבֵּד זֵיין דעם שַׁבָּת, וֵוייל דער שַׁבָּת באשיצט אונז אִין גָּלוּת. שַׁבָּת איז דער שְׁכִינָה מִיט אונז, דערפאר דארף מען זיך גאר שטארק היטן אום שַׁבָּת מִיט אַלֶע זאכן וואס מען טוט גלייך ווִי מען שטייט יעצט פאר דִי שְׁכִינָה, - וועם כאפט נישט אָן אַ מוֹרָא און אַ ציטער אִין אַ צייט, דערפאר אִין יעדן ארט ווִי אִידִישֶע קינדער היטן שַׁבָּת ווִי עס פארלאנגט זיך, איז דארט דא דִי קְדוּשָׁה פון בֵּית הַמִּקְדָּשׁ און דִי שְׁכִינָה רוהט דארט, דעריבער זאל מען גאר שטארק זֵיין געווארנט אום שַׁבָּת מִיט זיינע געשעפטן, זיינע רייד, ווִי אויך און אַלֶע זיינע עִנְיָנִים זאל מען נאָר טוהן אויף אַן אוֹפַן ווִי מען שטייט יעצט פאר הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ, וואס דִי אויגן פון הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ איז שְׁטֶענְדִיג אויף אים.

**יערות דבש ח"א דרוש י"ג**

**שַׁבָּת** ווערן מִיר זייער נאָנט צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ, דעריבער זענען הארְבּ דִי אִסוּרִים, ווִי אויך זענען דִי שטראפן הַאַרְבּ, און אֲפִילוּ פון רעדן וואכענדיגע זאכן, וֵוייל דאס איז גלייך ווען מען איז גאר נאנט צוּ קעניג וואס מען דארף זיך דעמאלס היטן אֲפִילוּ פון גאר קלייניקייטן, ווִי דִי חֲזַ"ל זאגן אַז מִיט צַדִיקִים איז הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ גאר שטארק מְדַקְדֵק, וויבאלד זֵיי זענען נאָנט צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ, אבער אִין דִי וואכנדיגע טעג זענען מִיר נישט אזוי נאנט צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ, איז מען נישט אזוי מְדַקְדֵק אויף קלייניקייטן.

**ערבי נחל פ' אמור**

**כ"ק** זְקֵנִי מָרָן הָרַב הַקָּדוֹשׁ מִצַּאנְז זי"ע פלעגט שְׁטֶענְדִיג אזוי צוּ זאגן: שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, אַז דאס יארמולקע דרייט זיך מִיר אִין דִי זייט, האָב איך דאס מוֹרָא צוריק צודרייען, איך זאל נישט נִכְשַׁל ווערן אִין חִילוּל שַׁבָּת.

**מקוה ישראל**

**הגה"ק** רַבִּי מֹשֶׁה קליערס זַצַ"ל רָב פון טְבֶרְיָא האָט דערציילט, אַז עֶר האָט געהערט פון הגה"ק מַהַרְ"שָׁ מסלאנים זַצַ"ל וואס האָט געזאגט: אַ שיינעם רָב האָב אִיךְ געזעהן, דעם הייליגן צאנזער רָב זי"ע. שַׁבָּת קוֹדֶשׁ ווען עֶר איז אריינגעקומען צום טִישׁ פירן האָבן זיך זיינע ציין געקלאפט און געציטערט פון גרויס שרעק פון דעם קְדוּשַׁת הַשַּׁבָּת, אַז עֶר האָט געמוזט אנהאלטן זיינע ביידע באקן כְּדֵי עֶר זאל קענען אנהייבן צוּ זינגן שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם.

**אבקת רוכלים להרה"ח רבי מתתי' לוריא ז"ל**

**הרה"ק** רַבִּי פִּנְחָס מקאריץ זי"ע האָט אמאהל געזאגט, אַז אַלֶע צָרוֹת וואס קומט אויף אַ מענטש איז נאָר צוליב וֵוייל מען איז נישט געווארענט אִין חִילוּל שַׁבָּת. האָט מען אִים געפרעגט, עס שטייט דאך אִין אוֹר הַחַיִּים הַקָּדוֹשׁ [וַיִּקְרָא י"ח], אַז יעדע מִצְוָה האָט אַן אנדערן סְגוּלָה אויף עפעס אנדערש, און דאס זעלבע פארקערט יעדע עֲבֵירָה האָט אַ שטראף פאר זיך אַלֵיין. איז ווִי אזוי קען זֵיין אַז אַלֶע צָרוֹת איז נאָר צוליב דִי איינע עֲבֵירָה פון חִילוּל שַׁבָּת.

**האָט** עֶר זֵיי געענטפערט, וויבאלד דִי גְּמָרָא זאגט אַז דער וואס הִיט אפ דעם שַׁבָּת איז הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ אִים מוֹחֵל אַלֶע זיינע עֲבֵירוֹת, דעריבער אַז מען גִיט נישט אכטונג אויף זיך, אַז מען זאל חָלִילָה נישט עוֹבֵר זֵיין אויף חִילוּל שַׁבָּת, געדענקט מען אִין הִימֶל אַלֶע זיינע עֲבֵירוֹת וואס עֶר האָט עוֹבֵר געווען, און מען שטראפט אִים אויף זיינע עֲבֵירוֹת, דעריבער קוּמֶען אַלֶע צָרוֹת. אבער אַז מען הִיט אפ דעם שַׁבָּת וועט מען זוֹכֶה זֵיין געהאלפן צוּ ווערן מִיט דִי גְּאוּלָה שְׁלֵימָה.

**אמרי פנחס שער ד' אות כ"ב**

**דאס** זעלבע שטייט אִין סֵפֶר קָרְבַּן שַׁבָּת, אַז אַלֶע צָרוֹת פון דער וועלט קומט נאָר צוליב דִי עֲבֵירָה פון חִילוּל שַׁבָּת רַחֲמָנָא לִצְלָן, און קֵיין שׁוּם צְדָקָה אדער מַעֲשִׂים טוֹבִים וועט נישט העלפן זיך צוּ באשיצן און ראטעווען דערפון.

**טהרת ישראל בשער הטהרה אות מ"א**

**שטייט** אִין של"ה הק', אַז שַׁבָּת דארף מען מַחְמִיר זֵיין אֲפִילוּ אויף סְפֵק סְפֵיקָא, וויבאלד דער שטראָף פון חִילוּל שַׁבָּת איז דאפעלט דעריבער זאל מען מַחְמִיר זֵיין אויף אַלֶעס.

**שַׁבָּת** צייגט אויף דעם שוֹרֶשׁ פון דִי אֱמוּנָה און אויך אויף דעם שוֹרֶשׁ פון דִי גאנצע תּוֹרָה, שַׁבָּת איז הייליג צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ, שַׁבָּת איז דער שוֹרֶשׁ פון אַלֶע טעג, דעריבער דארף יעדער מענטש מער מְדַקְדֵק זֵיין אויף זיינע מַעֲשִׂים און מער מוֹרָא האָבן פון הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ.

**של"ה מסכת שַׁבָּת פ' תו"א דף ק'**

**דער** הייליגער קְדוּשַׁת לֵוִי זי"ע האָט צוליב דעם טַעַם פיל מער מַחְמִיר געווען אִין עִנְיְנֵי שַׁבָּת, ווִי עֶר האָט מַחְמִיר געווען אִין עִנְיְנֵי פֶּסַח.

**טהרת ישראל בשער הטהרה אות מ"ד, מ"ה**

**וואס** מער דער מענטש איז מַחְמִיר אִין עִנְיְנֵי שַׁבָּת, וועט דאס זֵיין פאר אִים אַ סְגוּלָה, אַז עֶר וועט דערוויטערט ווערן פון דִי קומענדיגע וואָך פון עֲבֵירוֹת.

**טהרת ישראל בשער הטהרה אות מ"ו**